בעזרת השם יתברך

# פרק עה-עו

## קרח

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

דער כוח פון שמירת שבת און כבוד שבת. - פאַרשידענע מכשולות אין שמירת שבת. - דער איסור פון רעדן דברי חול אין שבת. - מ'זאָל נישט איבערלאָזן די שבת'דיגע מאכלים ביי אַ גוי'אישן בעקער. - וועגן דעם איסור פון יחוד.

דער איסור פון יין נסך, און דער חיוב אויף די רבנים אין יעדע מדינה נישט צו געבן קיין הכשרים אויף וויין ביז זיי וועלן וויסן זיכער אז דער וויין איז בתכלית הכשרות. – אַ רמז אין די ראשי תיבות פון ווארט "נסך" – "נ'שים, ס'וסים, כ'סף". – דער מענטש וואס ווערט נכשל מיט יין נסך, ווערט ליידער מגולגל אין אַן אייזל.

# על ידי שיראת ה׳ היא אוצרו, על ידי זה התורה נקראת תורת ה׳

וזהו ג״כ ענין מארז״ל פ״ב דשבת דף ל״א סע״א, קבעת עתים לתורה כו׳ פלפלת בחכמה כו׳, ואפילו הכי **אי יראת ה׳ היא אוצרו אין, אי לא לא**. משל לאדם שאמר לשלוחו העלה לי כור חיטין לעליה, הלך והעלה לו, אמר ליה, **עירבת לי בהן קב חומטין, אמר ליה, לאו, א״ל, מוטב שלא העליתה**. והענין, כי **חטה הוא כ״ב אתוון דאורייתא** . . **וקב חוטמין** פרש״י ארץ מלחה, **והוא ענין ולא תשבית מלח כו׳**. וזהו שנזכר עירבת לי בהן קב חומטין, דתיבת לי מיותר, אלא דר״ל **שע״י שיראת ה׳ היא אוצרו אזי התורה והחטים הם לי, ונק׳ תורת ה׳** . . משא״כ תורה בלא יראה כו׳.

(לקוטי תורה לבעל התניא דף ו׳ טור א׳)

# אינהאלט
## פון פרקים ע״ה - ע״ו


א. אין פרק ע״ה ווערט דערקלערט: די מעלה פון שמירת שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין און דער שכר פאַר די וואָס זענען מענג דעם שבת געהעריג.......ה

ב. דריי זאָגן עדות איינער אויפן אַנדערן: הקב״ה, שבת און אידן.......ה

ג. דער מחבר רעכנט אויס גרויסע מכשולים וואָס קומען פאָר צווישן די דאָרפסלייט.......ו

ד. אַן אַזהרה נישט צו רעדן קיין דברי חול שבת, ובפרט נישט אין בית מדרש, - עס וואָלט שוין אַסך בעסער געווען ווען זיי בלייבן זיצן אין דערהיים און שלאָפן, איידער צו גיין צום מנין, און רעדן דברי חול.......ו

ה. דער איסור ״יחוד״ גייט אָן אַפילו ביי אידן, און אַוודאַי ביי גוים.......ז

ו. דעם האָלץ-האַקער׳ס עולם הבא.......יח

ז. די עבודה פון תהלים אין ראש השנה ביים הייליגן ר״ר אלימלך זי״ע.......יח

ח. לערנען תהלים מיט מפרשים.......יט

ט. דער גאון רבי שלמה קלוגער זאָגט אויס יעדן טאָג גאַנץ תהלים.......יט

י. דער צאַנזער רב וויל זיך בייטן זיין סיום הש״ס מיטן סיום תהלים.......יט

יא. דער כח פון תהלים.......כ

יב. אין פרק ע״ו ווערט ערקלערט: די האַרבקייט פון איסור יין-נסך, און דעם חוב פון די רבנים אין אַלע מדינות נישט צו געבן קיין כתב-הכשר (כשרות צייגעניש) ביז זיי וועלן זיין זיכער אז דער וויין איז בתכלית הכשרות.......כא

**יג.** די זינד פונעם רבים איז אַנגעהאָנגען אין די מכשילים.................כא

**יד.** פון דער מינוט וואָס דער וויין הויבט זיך אָן ארייינצוגיסן אין וויין קעלער, אויב עס וועט דאָרטן זיין א "מגע-גוי", איז אַ איסור גמור עס צוטרינקען.................כב

**טו.** דער פליכט אויף די רבנים און דיינים נישט צו געבן קיין "כתב-הכשר" ביז זיי זענען זיכער אַז דער וויין איז כשר אָן צווייפל.................כג

**טז.** "נס"ך" מיינט: נ- נשים; ס - סוסים; כ - כסף.................כג

**יז.** ווער עס טרינקט אַפילו אַ קליין ביסל יין-נסך אין שענקען און קאַפע-הייזער פון גויים, ווערט ער געשטרויכלט אין עריות אויך.................כד

**יח.** צוליב די גלוסטונג צו איסורי עריות קומט דער מענטש צו אַ מצב, אַז ער האָט נישט קיין געלט אַפילו אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט.................כד

**יט.** ווער עס טרינקט יין נסך ווערט מגולגל און אַ אייזל.................כה

**כ.** ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דעם איסור, איז הייליג און מקען אים רופן קדוש.................כה

**כא.** פרק ע"ו בלשון הקודש - יבואר בו: חומר האיסור של יין נסך, והחיוב המוטל על הרבנים שבמדינות שלא ליתן כתב הכשר, עד שידעו בבירור שנעשה היין בכשרות * "נסך" הוא ראשי תבות: נשים, סוסים, כסף, והרמז בזה * התרגום של יין הוא חמר, לרמז שכל מי שנכשל בעוון יין-נסך יתגלגל בחמור.................לא


❖ ❖ ❖

# פרק ע״ה

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: די מעלה פון שמירת שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין און דער שכר פאַר די וואָס זענען מענג דעם שבת געהעריג.**

**א. אמרו,** אונזערע חכמים האָבן געזאָגט (שבת קיח, ב) ״אִלְמָלֵי שָׁמְרוּ יִשְׂרָאֵל שַׁבָּת רִאשׁוֹנָה לֹא הָיוּ שׁוֹלְטִין בָּהֶם אוּמָּה וְלָשׁוֹן״ אַז ווען די אידן וואָלטן געהיטן דעם ערשטן שבת ווי עס דאַרף צו זיין וואָלט קיין שום אומה אין זייער לאַנד נישט געוועלטיגט. ״וְאִלְמָלֵי מְשַׁמְּרִין יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת מִיָּד הֵן נִגְאָלִין״ און ווען די אידן זאָלן אַצינד היטן צוויי שבתים ווי עס דאַרף צו זיין וואָלטן זיי תיכף אויסגעלייזט געוואָרן, ווייל די מצוה פון שבת איז גלייך (שקולה) ווי די גאַנצע תורה. און עס ווערט גערעכנט אַזוי ווי ער וואָלט מקיים געווען אַלע מצוות פון דער תורה. און ווער עס איז מענג דעם שבת גיט מען אים אַ נחלה אָן קיין גרעניצן.

**און איך** האָב געזעהן אַ שלעכטן מנהג דאָס רוב פון די דאָזיגע מדינות טוען גרינגשעצן דעם כבוד פונעם הייליגן שבת און זענען מחלל שבת.

**דריי זאָגן עדות איינער אויפן אַנדערן: הקב״ה, שבת און אידן**

**צום ערשטנס** האָב איך געזעהן פיל לייט וואָס יעדן ערב שבת גייען זיי אין די קרעטשמעס און באַרן און עסן און טרינקן ביז זיי שיכור׳ן זיך אָן, אַזוי ווי דאָס שיכרות פון לוט, דער נאָך קומט ער ערשט אַהיים און צוליב זייער שיכרות קען ער אַפילו קיין קידוש נישט מאַכן. און מיר האָבן אַ קיימא לן (תוס׳ חגיגה ג, ב ד״ה ומי), אַז דריי זאָגן עדות איינער אויף דעם אַנדערן, און דאָס זענען הקדוש ברוך הוא, דער שבת, און די אידן. און מיר האָבן געלערנט (שבועות ל,

א) אַז עדות מוז מען זאָגן שטייענדיג, און אַ שיכור קען נישט שטיין אויף זיינע פיס, נו קען ער דען געפעלן אין די אויגן פונעם אייבישטער אַז אַ שיכור זאָל קומען עדות זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַן איינציגע גאָט און ער זאָל אויך עדות זאָגן אויפן שבת, וואס זי איז קעגן אַלע תרי״ג מצוות?! דעריבער דער וואָס היט זיין נפש זאָל זיך שטאַרק דערווייטערן פון דעם דאָזיגן שטרויכלונג, ווייל דער עונש דערפאַר איז זייער גרויס.

## דער מחבר רעכנט אויס גרויסע מכשולים וואָס קומען פאָר צווישן די דאָרפסלייט

**ב. עוד,** נאָך איין שטרויכלונג האָב איך געזעהן, אַז די דאָרפסלייט וואָס וואוינען אין אָפענע דערפער וואָס אַרום דעם איז נישט דאָ קיין מויער אָדער אַ מחיצה, און זיי טראָגן פון אַ רשות היחיד צו גוי׳אישע הייזער און פון גוי׳אישע הייזער צו זייערע הייזער, און זיי זענען זיך מורה היתר, ווייל ער וואוינט דאָרט אַליין, און קיין אַנדערע אידן וואוינען נישט דאָרט בקביעות דעריבער קען נישט אַ גוי אסר׳ן אויף אים זיין מחיצה. אָבער זיי מאַכן אַ טעות, און זיי ווייסן נישט דעם דין, אַז דאָס איז אַן איסור גמור, אַפילו ער טראָגט נאָר עפעס פון זיין טיר אַרויס. דעריבער דער וואָס האָט יראת ה׳ דאַרף גיין מודיע זיין די דאָרפסלייט און בפרט צו די רענדאַרס, אַז עס איז אַן איסור גמור צו טראָגן עפעס אום שבת אין די דערפער.

## אַן אַזהרה נישט צו רעדן קיין דברי חול שבת, ובפרט נישט אין בית מדרש, - עס וואָלט שוין אַסך בעסער געווען ווען זיי בלייבן זיצן אין דערהיים און שלאָפן, איידער צו גיין צום מנין, און רעדן דברי חול

**ג. שלישית,** דאָס דריטע, האָב איך געזעהן אַ מנהג ביי די דאָרפסלייט וואָס וואוינען ווייט איינער פון אַנדערן, און שבת קומען זיי זיך צוזאַם צום מנין אין בית מדרש, און זיי

באַשעפטיגן זיך מיט נאַרישקייטן, און איינער דערציילט דעם צווייטן ווי ער האָט געקויפט פערד פאַר אַ ביליגן פרייז, און דער אַנדערער דערציילט ווי ער האָט געקויפט זיינע קיען אָדער אַנדערע זאַכן. און ביים גאַנצען דאַווענען שמועסן זיי נאָר פון וואָכעדיגע ענינים, און שבת טאָר מען נישט רעדן קיין דברי חול, אַזוי ווי עס שטייט ״ וְדַבֵּר דָּבָר״ (ישעיה נח, יג) ״שֶׁלֹּא יְהֵיֶה דִבּוּרְךָ בְּשַׁבָּת כְּשֶׁל חֹל״ (שבת קיג, ע״ב) עס וואָלט שוין אַסך בעסער געווען ווען זיי בלייבן זיצן אין דערהיים און שלאָפן איידער צו גיין צום מנין און רעדן דברי חול, ווייל ווען זיי זענען אינדערהיים האָבן זיי נישט מיט וועמען צו רעדן וואָלטן זיי געדאַווענט, געגעסן, געשלאָפן און אפשר אויך עפעס געלערנט. און דעם מכשול טרעפן מיר בעוונותינו הרבים מערסטנס ביי די דאָרפס מענטשן.

**אויך** האָב איך געזעהן, אין טייל ערטער גייען די דאָרפס לייט אַ וועג פון צוויי אָדער דריי שעה פון שטאָט צו שטאָט צום מנין און זאָגן, אַז עס איז אַ תחום שבת, און איך ווייס אַליין אַז עס איז דאָ דריי אָדער פיר תחומי שבת, דעריבער בין איך מזהיר אַז אין אַלע ערטער וואָס זיי האָבן בקבלה פון אַן ערליכן מורה הוראה וואָס ער האָט אַליין אָפגעמאָסטן דעם תחום, דעמאָלטס איז דאָרט מותר צו גיין אים שבת, אָבער זיי זאָלן זיך נישט פאַרלאָזן אויף אַ מלמד אָדער אַן אַנדערען מענטש וואָס ווייסט נישט ווי אַזוי צו פסק׳ענען שאלות. און בעוונותינו הרבים אין היינטיגן דור האָט זיך געמערט פיל לייט וואָס פון וועגן חנופה אָדער געלט זאַכן, זענען זיי מתיר פיל זאַכן וואָס זענען אסור מן התורה. דעריבער זאָל יעדער זען אָפצושטעלן דעם שטרויכלונג און נישט גיין אום שבת פון איין דאָרף צום אַנדערן, ביז ער וועט האָבן רשות פונעם רב אין זיין מדינה.

## דער איסור ״יחוד״ גייט אָן אַפילו ביי אידן, און אַוודאַי ביי גוים

**ד. ד׳ ראיתי,** דאָס פערטע שטרויכלונג וואָס איך האָב געזעהן איז, אַז אין די דערפער און אין אַ טייל פון די שטעט, ווען אידן גרייטן צו שפייז לכבוד שבת וויפיהל זיי קענען נאָר, און שיקן דורך אַ מיידל פלייש צו אַ גוי׳אישן בעקער ער זאָל עס בראָטן לכבוד שבת, ווייל אין די מדינות זענען נישטאָ קיין קיך אויבנס ביי אידן, און מיט דעם זענען זיי עובר אויף צוויי איסורים:

**ערשטנס** זענען זיי עובר אויפן איסור פון יחוד, וואָס דאָס איז אסור אַפילו צווישן אידן, ווייל דוד המלך און שמואל הנביא ע״ה האָבן גוזר געווען אַז קיין שום זכר און נקבה זאָלן נישט זיין אַליין אין אַ שטוב. דעריבער דער שומר, וואָס דאָס איז דאָס מיידל וואָס זי היט דאָס פלייש מוז אַליין האָבן אַ שומר, ווייל זי טאָר נישט זיין אַליין מיטן בעקער.

**נאָך** אַן איסור טוען זיי, ווייל אויב אַ איד העלפט נישט דעם בעקער בראָטן דאָס פלייש דעמאָלטס ווערט עס אסור מן התורה. און נישט יעדער ווייסט דעם דין, און דעריבער זאָגן זיי נישט אָן פאַרן מיידל זי זאָל העלפן דעם בעקער בראָטן דאָס פלייש, דעריבער ווערט עס אסור. און אין די דאָזיגע עבירות ווערן בעוונותינו הרבים פיל בעלי בתים געשטרויכלט, און דעריבער בין איך מזהיר, יעדער זאָל דעם מכשול אָפּ טאָן פון זיין הויז, און זאָל נישט שיקן אַ מיידל אָדער אַן אשה אַליין צו אַ בעקער, וואָס ער איז נישט אַ איד, נאָר מיט אַ שומר, און דער איד זאָל העלפן בראָטן דאָס פלייש אָדער קאָכן דאָס געקעכטס. למשל זי זאָל צו שאַרן קוילן צו דעם געקעכטס אָדער ער זאָל עס אַליין לייגן אין אויבן, כדי ער זאָל נישט צוקומען צו אַן איסור דאורייתא ח״ו. און דער וואָס איז נזהר אין די פיר זאַכן וואָס איך האָב פריער געשריבן וועט זיין שכר געטאָפּלט ווערן און ער וועט זוכה זיין צו אַ נחלה אָן קיין גרעניצן אמן.

# הוספה

**אַ מורא׳דיגע** מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט איינעם וואָס האָט איינמאָל מחלל שבת געווען בשוגג צום צדיק ר׳ שמואל אבא פון זיכלין זצ״ל איז אַמאָל געקומען אַ איד מיט אַ בקשה, אַז אַ ביטערע צרה האָט אים ליידער געטראָפן, און ער קען דאָס פשוט נישט אַריבערטראָגן פון גרויס צער רחמנא ליצלן. וואָס האָט פּאַסירט? אין די לעצטע חדשים יעדע פרייטאָג צו נאַכטס נאָך קבלת-שבת, ווען ער גרייט זיך מאַכן קידוש, באַפאַלן אים פלוצלונג אַן אויסערגעוויינליכע טיפע שלאָף, אַזוי ווייט אַז מ׳קען אים אויף קיין פאַל נישט אויפוועקן, ביז עס ווערט טאָג.

**דאָס ערשטע** מאָל וואָס דאָס האָט פּאַסירט האָט מען געמיינט, אַז ער האָט אפשר גע׳חלש׳ט, און מ׳האָט אַראָפּגערופן דאָקטוירים, מ׳האָט אָנגעווענדעט פעולות אים צו דערוועקן, און צוריקברענגען צום באַוואוסטזיין. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז נישט קיין חלשות נאָר אַ שטאַרקער שלאָף. זינט דעמאָלטס חזר׳ט זיך דאָס זעלבע יעדער פרייטאָג צו נאַכטס. בעת ער גרייט זיך צו קידוש פאַלט ער אַריין אין אַ טיפן שלאָף, און עס העלפט נישט קיין שום עצה און תחבולה פטור צו ווערן פון דעם אומגליק.

**אַזוי האָט** דער איד דערציילט דעם רבי׳ן מיט ביטערע טרערן, און ער האָט זייער געבעטן אַז דער רבי מיט זיין גרויסן כח אין הימל, זאָל אויספועל׳ן פאַר אים אַ ישועה. דער איד, אַ פשוט׳ער איד, האָט ממש נישט געקענט קומען צו זיך פון די שרעקליכע צרה, עס איז געווען ממש נוגע בנפשו, דעריבער האָט ער אַזוי געוויינט און געבעטן. ווען דער צדיק האָט געהערט זיינב קשה און זיין געוויין, האָט אים דער צדיק געזאָגט: ״וואָס קען איך דיר טאָן?! דו האָסט פוגם געווען און מחלל געווען דעם הייליגן שבת, דעריבער איז אויף דיר

געקומען מדה כנגד מדה, אַזאַ ביטערע צרה, אַז דו זאָלסט פּונקט אַזוי נישט קענען מקדש זיין דעם שבת מיט'ן מאַכן קידוש. איצט אַז דער הייליגער שבת זאָלסט שטראָפט דיך ווייל דו האָסט פּוגם געווען אין איר כבוד און קדושה, איז וואָס קען איך דיר העלפן קעגן דעם הייליגן שבת?!"

**ווען דער** איד האָט געהערט דעם צדיק'ס רייד, איז ער נאָך מער דערשיטערט געוואָרן, און האָט נאָך מער געוויינט מיט ביטערניש, בעטנדיג זיך ביים צדיק: "רבי, איך ווייס פון גאָרנישט, איך היט באמת שטענדיק דעם שבת קודש מיט אַלע פּרטים און דקדוקים. דער כבוד פונ'ם שבת איז ביי מיר באמת טייער ביז גאָר, מיט וואָס האָב איך מחלל געווען דעם שבת? "אָבער דער צדיק חזר'ט ווייטער איבער דאָס זעלבע: **"איך האָב דיר דאָך שוין געענטפערט, אַז נאָר צוליב דעם חילול שבת וואָס דו האָסט עובר געווען איז דיר געקומען דער ביטערער עונש..."**. און דער צדי ק האָט זיך מיט אים תיכף געזעגט לחיים ולשלום.

**דער איז** איז אַרויסגעקומען פון דאָרט דאָפּלט צעבראָכן און פאַרוויטאָגט ווי פריער. לא די וואָס דער רבי האָט אים נישט געהאָלפן ער זאָל פּטור ווערן פון זיין ביטערע צרה, איז אים צוגעקומען נאָך אַ צרה צו זיין פריערדיגע צרה, וואָס דער צדיק באַשולדיגט אים אין אַזאַ שרעקליכע עבירה ווי חילול שבת, אַ זאַך וואָס ער ווייסט אַז ער איז קיינמאָל נישט באַגאַנגען. וואָס הייסט? ער האָט עובר געווען אויף חילול שבת? און מיט גרויס צעבראָכנקייט האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

**אָנקומענדיג** אַהיים האָט ער דערציילט וואָס ס'איז אויף אים אַריבער אין זיכלין, אַז דער רבי זעט אויף אים אַזאַ האַרבע עבירה ווי חילול שבת, בעת ער האָט נישט קיין שום אַנונג פון אַזאַ סאָרט זאַך. ער האָט קיינמאָל נישט מחלל שבת געווען. ווען זיין

הויזגעזינד האָט דאָס געהערט זענען זיי ערשטוינט געוואָרן ביז גאָר, וויסנדיג פונקט דאָס פאַרקערטע, ווי זייער פאָטער איז פון אייביג אָן שטאַרק געוואָרנט אין שמירת שבת קודש, אַזוי ווי עס פאַסט זיך פאַר אַן ערליכער איד.

**דאַן האָט** זיך אָנגערופן איינער פון זיינע גרויסע קינדער, און געזאָגט: "דער טאַטע זאָל מיר מוחל זיין, אַז איך ערלויב מיר צו זאָגן, אַז די ווערטער פונ'ם רבי'ן פון זיכלין זענען נישט קיין אומזיסטע רייד, נאָר אַן אמת'ע רוח-הקודש רוהט אויף אים, און ער זעט און ווייסט זאַכן וואָס קיינער ווייסט נישט". איך וועל דיר דערציילן אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט. און דער זון נעמט זיך דערציילן ווי פאָלגענד:

**עס איז** געווען אַמאָל אין אַ פרייטאָג צו נאַכטס, שפעט אין דער טיפער נאַכט ווען דער טאַטע האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף און זיך געשפירט זייער דאָרשטיג נאָך אַ טרונק וואַסער, איז ער אַראָפגעגאַנגען פון בעט צו נעמען וואַסער צו טרינקען. אַזוי ווי עס איז אָבער געווען זייער טונקל אין שטוב, און ער האָט גאָרנישט געקענט זען, און צוליב זיין טיפע שלאָף האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן אַז ס'איז שבת אויף דער וועלט, האָט ער אָנגעצונדן רחמנא ליצלן אַ ליכט, כדי צו קענען נעמען וואַסער. ווען ער האָט געענדיגט טרינקען האָט ער אויסגעלאָשן דאָס ליכטל און איז צוריק געגאַנגען שלאָפן. אינדערפרי האָט ער נישט געדענקט די גאַנצע מעשה, אַזוי אַרום האָט ער נישט געהאַט קיין אַנונג אַז ער איז באַגאַנגען אַזאַ גרויסע עבירה".

**דער זון** וועלכער האָט געזען די גאַנצע פאַסירונג, האָט זיך אָבער גאָרנישט אָנגערופן, ווייל ער האָט געוואוסט אַז זיין פאָטער איז זיכער אַ שוגג און ער האָט אים נישט געוואָלט פאַרשעמען. (כאָטש אין אַזאַ צייט דאַרף מען יאָ מעורר זיין, און טאַקע נאָר אויף אַן איידעלן אופן, כדי נישט צו מבזה זיין דעם טאַטן, אַזוי ווי עס איז

מבואר אין שולחן-ערוך סימן ר"מ הלכות כיבוד אב-ואם, איז אמו ואביו תראו - ואת שבתותי תשמורו...).

**אויך אינדערפרי** האָט ער אים נישט געוואָלט דערמאַנען און אויפמערקזאַם מאַכן, נישט ווילנדיג אים פאַרשעמען, ספּעציעל נאָך דעם וואָס ס'איז שוין געווען לאחר המעשה, און האָפנדיג אַז נאָכאַמאָל וועט אים נישט פּאַסירן אַזאַ מכשול, דעריבער האָט ער נישט דערציילן. איצט אָבער ווען ער זעט אַז דער צדיק פון זיכלין ווייסט דאָס מיט זיין רוח הקודש, האָט ער געשפּירט אַ פליכט אַז ער מוז אים יאָ אַנטפּלעקן, כדי אַז דורך דעם וועט ער אפשר געפינען אַ רפואה צו זיין מחלה.

**ווען דער** איד האָט דאָס געהערט, כאָטש וואָס ער האָט קיין זאַך נישט געדענקט, אָבער ער האָט געגלייבט זיין באַליבט קינד, וועלכער איז נאָר אויסן געווען אים צו העלפן, און האָט זיך באַלד דערויף אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג צוריק קיין זיכלין. ווען ער איז אַריינגעקומען צום רבי'ן האָט ער זיך מודה געווען און דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון זיין זון. האָט דער רבי אים געזאָגט: "דיין זון זאָגט ריכטיג. איצט איז אויף דיר די קשיא, ווי אַזוי זאָל אַ איד אין גאַנצן פאַרגעסן פונ'ם הייליגן שבת, דאָס גאַנצע אידישקייט איז דאָך אין דעם אָפּהענגיג. און אַזוי ווי דו האָסט נישט אָפּגעהיטן דעם הייליגן שבת אין האַרצן, דו האָסט מסיח דעת געווען פונ'ם שבת, זע נאָר וואָס דו האָסט דיר גורם געווען, אַזאַ גרויסע חילול שבת רחמנא ליצלן. דעריבער און צוליב דעם איז אויף דיר געקומען די ביטערע צרה רחמנא ליצלן, אַ שטראָף מדה כנגד מדה, אַז דו זאָלסט נישט קענען צייטליך הייליגן דעם שבת מיט'ן מאַכן קידוש, פּונקט אַזוי ווי דו האָסט מחלל געווען די קדושה פון שבת.

**ווען** דער איד האָט דאָס געהערט האָט זיך נאָך אַמאָל ביטער צעוויינט, אונג עבעטן אַז דער רבי זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה אויף די

עבירה, און אים געבן אַ רפואה ער זאָל געהאָלפן ווערן פון זיין צרה רחמנא ליצלן.

**האָט אים** דער צדיק פון זיכלין געזאָגט: "וויסן זאָלסטו אַז ס'איז נישטאָ פאַר דיר קיין אַנדערע רפואה נאָר אַז עס וועט דיר אונטערקומען אַ נסיון פון שמירת שבת און דו וועסטביישטיין דעם נסיון, דאַן וועט דער שבת זיך איבערבעטן פון איר שאַנד און תיכף וועט השם יתברך אָפּטאָן פון דיר דיין צרה". דאַן האָט אים דער רבי אָנגעוואונטשן און אָפּגעזעגנט לחיים ולשלום. דער איד איז אַהיים געפאָרן מיט אַביסל חיזוק אויפן האַרץ, און האָט זיך שטאַרק פאָרגענומען פון היינט און ווייטער צו זיין מער אָפּגעהיטן אין שמירת שבת, און האָט געהאָפט אַז אין דעם זכות וועט ער בקרוב געהאָלפן ווערן מיט די ריכטיגע רפואה.

**דער איד** האָט געצויגן זיין פרנסה קוואַל פון אַ מיל וואָס ער האָט גערונגען פון'ם פּריץ. זעקס טעג האָט די מיל געאַרבעט און און דעם זיבעטן טאָג האָט עס גערוהט. כאָטש עס איז געווען אַזוינע וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט היתרים פון אַ שטר מכירה, אַז די מיל זאָל קענען אָנגיין אויך שבת פונקט ווי אין דערוואָכן, דורך איבערשרייבן די מיל אויפן נאָמען פונעם גוי, האָט דער איד אָבער קיינמאָל נישט געזוכט אַזעלכע סאָרט "היתרים", נאָר געהיטן דעם שבת מיט אַלע דקדוקים ווי דער דאַרף צו זיין.

**די מיל** האָט אים טאַקע גוט געדינט ווי אַ קוואַל פון פרנסה, און האָט אים אַריינגעברענגט פרנסה בכבוד גדול. אָבער זינט די פרשה מיטן אַנטשלאָפן ווערן פאַר קידוש, האָט זיך געטוישט זיין מצב. זיין פרנסה האט אָנגעהויבן צו גיין מיטן פּיטום אַראָפּ, און ער איז לא-עלינו מורא'דיג פאַראָרעמט געוואָרן. איין מאָל ווען דער איד איז געזעסן ביי זיך אינדערהיים, קומט אָן אַ שלח פון'ם פּריץ, אַז ער זאָל שוין אַריבערקומען צום פּריץ אין פּאַלאַץ ווייל ער וויל מיט אים

רעדן. ווען ער איז געקומען צום פריץ, זאָגט דער פריץ צו אים: ״הער זיך איין, איך טראַכט אַ פּלאַן צו פאַרגרעסערן דעם מיל אין אַ גרויסע פאָרמאַט. אַ סך גרעסער ווי עס איז געווען ביז היינט. דעריבער אַזוי ווי ביז איצט האָבן מיר געהאַט אַן אָפּמאַך אַז די מיל זאָל רוען אום שבת, וועט דאָס פון איצט און ווייטער מער נישט קענען אַזוי ווייטער אָנגיין. ווייל אַזאַ גרויסע מיל קען מען נישט אָפּשטעלן אויף אַ גאַנצן טאָג. דעריבער וויל איך פון היינט און ווייטער ווען דאָס איבערבויען פון׳ם מיל וועט פאַרטיג ווערן, זאָלסטו זיך אונטערנעמען, אַז די מיל וועט אַרבעטן שבת פונקט ווי אינדערוואָכן. איר, אידעלעך, לויט ווי איך ווייס, קענט איר אייך אַן עצה געבן מיט׳ן שבת... (דער שטייגער פון באַצאָלן דעם פריץ איז געווען, אַז פאַר יעדן זאַק תבואה וואָס מ׳האָט געמאָלן אין די מיל, האָט ער פריץ באַקומען אַ באַשטימטן פרייז. דעריבער לויט וויפל זעק מ׳האט געמאָלן האָט דער פריץ באַקומען באַצאָלט. און אַזוי ווי שבת האָט מען נישט געאַרבעט האָט דער פריץ דערלייגט געלט לויטן צאָל זעק וואָס ער האָט פאַרפאַסט דורכאויס דעם שבת).

**ווען דער** איד האָט געהערט די ווערטער פון׳ם פריץ, האָט ער זיך באַלד דערמאַנט וואָס דער רבי האָט אים געזאָגט, און האָט דערין געזען אַן אָנהויב פון דער ישועה, וואָס וועט קומען נאָכן ביישטיין דעם נסיון אין אָפּהיטן שבת. דעריבער האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג: ״געערטער פריץ״, האָט ער געזאָגט, ״איך וועל אויף קיין פאַל נישט אַרבעטן אום שבת קודש, אפילו איך וועל קענען פאַרדינען אַסאַך געלט דורך דעם!״.

**האָט דער** פריץ אָנגעהויבן צו רעדן מיט ווייכער רייד: ״ביי אייך אידן איז דאָך פאַראַן עצות פון מאַכן אַ שטר מכירה אויף שבת, וואָס אויף אַזאַ אופן וועסטו נישט מוזן אַליין אַרבעטן און איך וועל נישט דערלייגן קיין געלט. איז פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַר׳עקשנ׳ט קעגן מיר, צו האַלטן די מיל פאַרשפּאַרט אום שבת?״ אָבער דער איד

האָט נישט געוואָלט הערן פון קיין שום פשרות אין דעם ענין. ער האָט געענטפערט דעם פריץ מיט אַ פעסטע אַנטשלאָסנקייט: "אַזוי ווי ביז איצט וועל איך ווייטער אויך נישט אָפּן האַלטן די מיל אום שבת, און איך וויל נישט וויסן פון קיין שום היתר אויף דער וועלט, נאָר אַזויפיל קען איך זאָגן דעם פריץ, אַז פון היטן דעם שבת וועט פאַר איין און פאַר קיינעם נישט אַרויסקומען קיין שאָדן! מיר האָבן אַן הבטחה דערויף פון אויבערשטן".

**אָבער דער** פריץ איז אויך געווען אַנטשלאָסן, און ער האָט באַשטימט אַ טערמין פון צוויי חדשים. אויב דער איד וועט מסכים זיין צו האַלטן אָפן די מיל שבת, איז גוט, אויב נישט וועט ער זיין געצוואונגען אָפּצוטרעטן פונ'ם מיל, און ער וועט זוכן אַ צווייטן וועלכער זאָל פאַרטרעטן זיינאָרט און אַרויסדינגען די מיל. ווען דער טערמין איז אַריבער האָט דער פריץ געשיקט פרעגן דעם מילנער צי ער האָט שוין אָנגענומען זיין פאָדערונג צו האַלטן אָפן דעם מיל אין שבת. אָבער ער איז געשטאַנען פעסט אויף דעם אַז שבת מוז די מיל רוען. דער פריץ איז געוואָרן אויפגעברויזט אויף אים און האָט גלייך באַפוילן, אַז ער זאָל באַלד פאַרלאָזן די מיל.

**דער איד** האָט געצאָלט אַ טייערן פרייז פאַר'ן הייליגן שבת, און האָט איבערגעלאָזט זיין גאַנצע פנסה כדי נישט צו פאַרשוועכן דעם שבת. און אויסער דעם וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין קוואַל פון פרנסה, האָט ער איצט נישט געהאַט מיט וואָס אָנצוהייבן אַ נייע פרנסה, אַזוי אַרום איז אויסגעקומען צו בלייבן פשוט אָן ברויט אין שטוב רחמנא ליצלן.

**אין דער** זעלבער צייט האָט זיך נאָך זיין מחלה פון אַנטשלאָפן ווערן פרייטאָג צו נאַכטס בכלל נישט אויסגעהיילט, אַזוי אַז ס'האָט אים געדריקט פון אַלע זייטן, און ער איז געוואָרן צעבראָכן ביז גאָר. אַ פרייז פאַר שמירת שבת האָט ער באַצאָלט, און דער שבת האָט

זיך נאָך נישט איבערגעבעטן. ער האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן, און איז אַריבערגעפאָרן קיין זיכלין צום הייליגן צדיק, דאָרט זיך אויסגיסן זיין צעבראָכן האַרץ. "וויסן זאָלסטו", האָט אים דער רבי געזאָגט ווען ער האָט דערציילט זיין פעקל צרות, "אַז די רפואה און ישועה וועלן קומען אויף איינמאָל. טאַקע ווייל דו האָסט בייגעשטאַנען דעם נסיון איז דער שבת קודש שוין געוואָרן איבערגעבעטן פון איר פאַרשעמטקייט. איצט וואַרט נאָך אַ ביסל און די מחלה וועט זיך פון דיר אָפּטראָגן און צוזאַמען מיט דעם וועסטו געהאָלפן ווערן מיט פרנסה. אין אַ קורצע צייט וועט דער פריץ דיך נאָך צוריק בעטן אויף דיין פריערדיגן אָרט אַלץ מילנער, און ער וועט מיט דיר גוטס טאָן נאָך מער ווי פריער".

**דער איד** איז אַהיים געפאָרן מיט אַ פאַרלייכטערטן געמיט, גלייבנדיג באמונה שלימה אַז דעם רבי'נס ווערטער וועלן זיכער בקרוב מקויים ווערן. ווען דער איד האָט פאַרלאָזט די מיל האָט דער פריץ טאַקע פאַרברייטערט און פאַרגרעסערט דעם מיל, און האָט עס פאַרדונגען פאַר אַ צווייטן מיטן באַדינג אַז דער מיל וועט אַרבעטן אום שבת. און אַזוי איז טאַקע געווען, די מיל האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן און אָנגיין שבת פונקט ווי אינדערוואָכן. אָבער עס האָט לאַנג נישט גענומען, און דעם אויבערשטנ'ס האַנט האָט דערגרייכט די מיל. זינט ווען דער מיל איז אָפן געווען אום שבת, האָט זיך געמאַכט גרויסע שאָדנס אינ'ם מיל. אויסערגעוויינליכע מאָדנע היזקים וואָס זענען געווען אויסטערליש אין יענ'ס אויגן. ווייל יעדן טאָג האָט זיך געמאַכט אַ צווייטע סאָרט שטרויכלונג וואָס איז קיינעם נישט געקומען אויפ'ן געדאַנק אַז עס קען אַזוינס פאַסירן. עס איז געווען קענטיג אַז עפעס פון הימל שטעלט מען דאָס אַלעס אונטער.

**אַזוי אַרום** אַז דער פריץ האָט אָנגעהויבן עגבערן דער געדאַנק, אַז דאָס איז נישט קיין צופאַל, דאָס איז נישט קיין געוויינליכע זאַך. נאָר זיכער אַ שטראָף פון הימל, צוליב דער רשעות

וואָס ער האָט געטאָן פאַר דעם איד, וואָס ער האָט אים פאַרטריבן פון זיין פרנסה, און אים געלאָזט אויפן וואַסער אָן קיין בריט צום לעבן. דעריבער, אַ קורצע צייט נאָך דעם וואָס דער איד האָט זיך אומגעקערט פון זיכלין, האָט דער פריץ אים געלאָזט רופן און געזאָגט: "אַזוי ווי איך זע אַז דער ניער מילנער איז נישט אַזוי מצליח אין די מיל, און אין צוגאָב צו דעם האָב איך אַ סך שאָדנס וואָס איך האָב מיך נישט געקענט פריער פאָרשטעלן, דעריבער בעט איך דיר, נעם איבער ווידער די מיל אין דיינע הענט פונקט ווי פריער!"

**האָט אים** דער איד געפרעגט: "און וואָס וועט זיין וועגן שבת"?

"איך זאָג דיר שוין מער נישט קיין דיעה דערין", זאָגט דער פריץ, "ווייל נאָכדעם וואָס איך האָב געליטן די פאַרשידענע היזקים שלא כדרך הטבע, האָב איך געזען אַז השם יתברך איז מיט דיר, ער היט דיך און דו קענסט טאָן ווי אַזוי דיר געפעלט!" דער איד האָט זיך תיכף צוריקגעקערט צו זיין פריערדיגע שטעלע, די הצלחה האָט אים אויפגעשינט נאָך מער ווי פריער, און ער האָט געהאַט פרנסה בשפע גדול, אויך זיין מחלה האָט זיך פון אים מיטאַמאָל אָפגעטאָן, און ער האָט ווייטער געקענט פראַווען דעם הייליגן שבת פונקט ווי אַמאָל.

❖ ❖ ❖

די ערשטע תהלים זאָגערס די צוואַנציג יאָר וואָס יעקב אבינו איז נישט געשלאָפן ביינאַכט נאָר געהיט לבן'ס שאָף, פלעגט ער אויסזאָגן גאַנץ תהלים. אויך יוסף הצדיק האָט געזאָגט תהלים ווען ער איז געווען אין תפיסה. דער ניגון פון תהלים אַליין האָט מעורר געווען רחמי שמים אין די לעצטע יאָרן פון דעם הייליגן באַדיטשעווער זצ"ל, איז אַרויס אַ ביטערע גזירה פון די קאַטאָניסטן, וואָס דער ציל דערפון איז געווען

אָפּצורייסן אידישע קינדער פון די הייליגע תורה. מען האָט גענומען די קינדער און זיי פאַרטריבן אין ווייטע מדינות כדי דורכדעם זיי צו מאַכן פאַרגעסן רחמנא ליצלן די גאַנצע אידישקייט.

**די קינדער** האָבן געדענקט אַז אין אַן עת צרה זאָגט מען תהלים, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט קיין תהלימ'ל און אויך נישט געדענקט די ווערטער אויף אויסנווייניג. איז זיי איינגעפאַלן אַז זייז אָלן צוזאַמען שריען מיטן ניגון פון תהלים. אַזוי האָבן זיי געטאָן, און מיטן ניגון פון תהלים אַליין האָבן זיי מעורר געווען רחמי שמים. די גזירה איז בטל געוואָרן, און די קינדער זענען צוריק אַהיים געבראַכט געוואָרן. (באַמערקונג: דאָס איז געווען אונטער צאַר אל6עקסאַנדער, ווען די גזירה איז נאָך נישט געווען אַזוי שטרענג ווי אונטער'ן טיראַן צאַר ניקאָליי ימ"ש).

## דעם האָלץ-האַקער'ס עולם הבא

**אין די צייטן** פון בעל שם טוב זי"ע איז נגזר געוואָרן אויף אַ אידישע שטאָט עס זאָל פאַרוויסט ווערן רחמנא ליצלן. דער בעל שם טוב האָט געמאַכט עליית נשמה און האָט געזען אַז די גזירה קען מען נישט אויסמעקן. אַרויסגייענדיג, האָט ער געזען אין אַ היכל אַ גרויסע ליכטיקייט. ווען ער האָט זיך אינטערעסירט וועמענס היכל דאָס איז, האָט ער זיך דערוואוסט אַז דאָס אַ היכל פון אַ דאַרפסמאַן, וואָס האַקט האָלץ און זאָגט תהלים בשעת די אַרבעט, אַזוי אַז ער ענדיגט יעדן טאָג פינף מאָל גאַנץ תהלים, און די גרויסע ליכטיקייט איז פון די אותיות פון תהלים. און כאָטש ער זאָגט תהלים אויך נעבן אומריינע ערטער צוליב דעם וואָס ער ווייסט נישט, מאַכט זיין תהלים זאָגט אַ גרויסן רושם אין הימל, ווייל זיין כוונה איז אַ ריינע.

**דער בעל שם טוב** איז דאַן געפאָרן צום האָלץ-האַקער און אים געפרעגעט אויב ער וואָלט געוואוסט אַז מיט

זיין עולם הבא קען ער מציל זיין אַ אידישן ישוב צי ער וואָלט דאָס זיי געשאָנקען. דער איד האָט גלייך געענטפערט, "אויב איך האָב עולם הבא, גיב איך עס אָפּ!" און די גזירה איז בטל געוואָרן.

## די עבודה פון תהלים אין ראש השנה ביים הייליגן ר"ר אלימלך זי"ע

**דער הייליגער רבי** ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע פלעגט ראש השנה זיך שטעלן דאַווענען ביים עלות השחר און געענדיגט דאַווענען איין שעה נאָך חצות. די סעודה האָט געדויערט אַ האַלבע שעה, דערנאָך האָט ער זיך געשטעלט צום עמוד און געזאָגט אַ גאַנצן טאָג תהלים.

## לערנען תהלים מיט מפרשים

**עס איז אַן** אַלטער מנהג צו לערנען יעדן ראש חודש אַ פסוק תהלים מיט רש"י און אַנדערע מפרשים, פון דעם קאַפיטל וואָס איז ווי די צאָל פון די יאָרן, למשל ווען מ'ווערט דרייצן יאָר פאַנגט מען אָן צו זאָגן קאַפיטל י"ד, ווייל מ'גייט אַריין אינ'ם פערצנטן יאָר. אויב דאָס קאַפיטל ענטהאַלט ווייניגער ווי צוועלף פסוקים, אַזוי אַז ס'קומט נישט אויס געננג פאַר יעדן חודש אַ פסוק, לערנט מען אַ געוויסע צאָל פסוקים יעדן חודש, איינטיילנדיג אַזוי אַז סוף יאָר זאָל מען האָבן געענדיגט דאָס קאַפיטל מער ווי איין מאָל. אויב עס זענען דאָ מער ווי 12 פסוקים, לערנט מען 2 פסוקים אָדער מער יעדן חודש. (תהלים אהל יוסף יצחק)

## דער גאון רבי שלמה קלוגער זאָגט אויס יעדן טאָג גאַנץ תהלים

**שטייט אין** ספר "תולדות שלמה" פאָלגענד: דער גרויסער גאון און צדיק רבי שלמה קלוגער זצ"ל פלעגט נישט שלאָפן מער ווי איין שעה אין אַ צי. ווען ער האָט זיך געוויפגעוועקט, האָט ער

אויפגעשריבן זיינע חידושי תורה, צווישן זיי די חידושים וואָס ער האָט גע'חלומ'ט. דערנאָך איז ער נאָכאַמאָל געגאַנגען שלאָפן אויף איין שעה. ווען ער איז אויפגעשטאַנען האָט ער געזאָגט תיקון חצות און אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים. דערנאָך האָט ער זיך מכין געווען צו תפילת שחרית, ביז זיבן אַזייגער פינקטלעך, ווען ער האָט זיך געשטעלט דאַוונען.

## דער צאַנזער רב וויל זיך בייטן זיין סיום הש"ס מיטן סיום תהלים

**דער הייליגער** צאַנזער רב זצ"ל האָט אַמאָל געהאַלטן ביים מאַכן אַ סיום הש"ס, אָבער עס איז אים געבליבן שווער איין תוספות'ל. איז ער געפאָרן צום "גוטן איד" פון נייִשטאַט, ער זאָל אים זאָגן פשט אין דעם תוספות, האַלטנדיג אַז צוליב זיין צדקות וועט ער זיכער וויסן דעם ריכטיגן פשט. אַזוי איז טאַקע געווען, דער גוטער איד האָט אים פאַרענטפערט זיין קושיא.

**ווען דער** גוטער איד האָט זיך דערוואוסט אַז דער צאַנזער רב האָט געענדיגט גאַנץ ש"ס, האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט דערויף און געזאָגט: "מיר דויערן אַזוי לאַנג צו מאַכן אַ סיום אויף ספר תהלים, און דאָ מאַכט ער אַ סיום אויף ש"ס?!" האָט אים דער צאַנזער רב געפרעגט אויב ער וויל זיך בייטן מיט אים. דער גוטער איד האָט אָבער נישט מסכים געווען צום געשעפט - עס איז אים ליבערשט געווען דער סיום אויף תהלים ווי דער סיום הש"ס...

## דער כח פון תהלים

**אין די צייטן** פון מהר"ש פון ליובאוויטש זצ"ל האָט אַ מיניסטער פאָרגעשלאָגן אַ ביטערע גזירה אויף אידן עס זאָל זיי פאַרבאָטן ווערן צו האַנדלען, און מען זאָל איינציען די גרעניצן פון די אידישע וואוין ערטער. דער מהר"ש האָט אין יענע צייט געזאָגט פיל תהלים, ביז איינמאָל, ווען ער האָט געהאַלטן ביים פסוק "מכל צרה

הצילנו ובאויבי ראתה עיני״ איז געקומען אַ טעלעגראַם אַז דער מיניסטער איז פלצלונג געשטאָרבן. כן יאבדו כל אויביך.

❖ ❖ ❖

# פרק ע״ו

**אין דעם פרק[א] ווערט ערקלערט: די הארבקייט פון איסור יין-נסך, און דעם חוב פון די רבנים אין אַלע מדינות נישט צו געבן קיין כתב-הכשר (כשרות צייגעניש) ביז זיי וועלן זיין זיכער אז דער וויין איז בתכלית הכשרות**

**א. איסור יין-נסך,** דער איסור פון יין-נסך איז באַוואוסט און פאַרשפרייט, די הייליגע תורה האָט ג׳אסר׳ט וויין וועלכע א גוי האָט געדינט דערמיט די עבודה זרה, משה רבנו מיט די זיבעציג זקנים אין זיין דור האָבן גוזר געווען אויף סתם יינם של נכרים (דהיינו: גויאישער וויין, אַפילו מ׳האָט עס נישט געגאָסן פאַר די עבודה-זרה), נאר דאָס אליינס אז דאָס געהער פאַר א גוי מאַכט עס אסור, כדי אידן זאָלן נישט קומען חתונה האָבן מיט די גויאישע טעכטער, אַזוי ווי זיי האָבן געזינדיקט אין מדבר אין דעם אָרט שִׁטִּים, בעת דאָס געשעעניש מיט זמרי (במדבר כה, א), וואָס צוליב דעם זענען אומגעקומען פיר און צוואָנציק טויזנט אידן (זע דאָרט פסוק ט). די בעלי מקובלים (די חכמים פון תורת הסוד) האָבן זייער מחמיר געווען וועגן דעם איסור[ב], און דריקן אויס זייער אַ שאַרפע שטראָף פאַר די וואָס טרינקען סתם יינם (אַז זיי האָבן נישט קיין חלק לעולם הבא).

---

א) אזוי ווי דער פרק איז נישט געדרוקט אין פיל אויסגאבעס (נישט אין לשון הקודש און נישט אין אידיש) צוליב דעם צענזור, ע״כ דריקען מיר איבער דעם פרק איןביידע שפראַכען. אין די נייע קב הישר׳ס איז עס שוין יא געדריקט.

ב) לאחר מעשה זמרי עמד פנחס והחרים בסוד שם המפורש ובחרם בית דין העליון והתחתון שאל ישתה אדם מישראל מיינם של עכו״ם, שכל יינם הם מביאים לע״ז ולזנות (פרקי דר״א מ״ז).

## די זינד פונעם רבים איז אָנגעהאָנגען אין די מכשילים

**ב. והנה,** און וויבאַלד, אַז אין רוב געגענטן אונזערע, וואו מען מאַכט וויין, איז מען זיך מיקל צו טרינקען יין-נסך[ג], און נישט נאָר וואָס זיי אַליין טרינקען, נאָר זיי פאַרקויפן עס אויך צו אַנדערע כשרע אידן, גלייך ווי עס וואָלט געווען עכט כשרע וויין, און זיינען גורם שלעכטס אויך צו אַנדערע, און די זינד פון דעם רבים איז אָנגעהאָנגען אין די זינדיקע מענטשן, וואָס זענען מכשיל אויך אַנדערע אידן.

### פון דער מינוט וואָס דער וויין הויבט זיך אָן ארייננצוגיסן אין וויין קעלער, אויב עס וועט דאָרטן זיין א ״מגע-גוי״, איז אַ איסור גמור עס צוטרינקען

**ג. על כן,** דעריבער ליגט אַ חוב אויף די רבנים[ד] און דיינים אין די ערטער, גוזר צו זיין אַ האַרבע גזירה - אַ גזירת נח״ש,

---

ג) איבעראל ווי עס ווערט ווייטער דערמאנט ״יין נסך״ מיינט מען אויך סתם גוי״ש וויין וואס מ׳האָט נישט געדינט פאַר עבודה זרה.

ד) יזהר האדם מאד מסתם יינן של גוים, אף לאיזה קצת חולה ר״ל. וכדי לעורר את לב האדם בזה, אציגה נא לפניך מאמר אחד קדוש מזוה״ק, ותסמר שערת בשרו של אדם מפחד לבבו אשר יפחד מגודל העונש ר״ל. וז״ל פרשת שמיני דף מ׳ ע״א: גוי עע״ז דאיהו מסאב ומאן דקדיב בהדי׳ יסתאב כד יקרב ביין דישראל הא אסתאב ואסיר כו׳ ומאן דשתי לי׳ אסתאב רוחי׳ ואסתאב איהו ולית לי׳ חולקא בעלמא דאתי כו׳, אתר דההוא יין דמנטר שרי׳, הוא לא נטיר לי׳ לא יתנטר הוא לעלמא דאתי, הוא סאיב לי׳ וסאבון לי׳ בההוא עלמא, לא יהא לי׳ חולקא בההוא יין דעלמא דאתא, זכאין אינון ישראל דנטרי למאן דמנורא דמקדשא למלכא בנטירו עלאה דא, זכאין אינון בעלמא דין ובעלמא דאתי עכ״ל. ועתה ישראל, מה זאת עולה על לב האדם להורות לפניו היתר, אף לאיזה חולה קצת, לשתות מסתם יינם שבודאי נגע בהם גוי עע״ז, שאסרו לנו חז״ל באיסור גמור כיין נסך, ומבואר במאמר הזוה״ק הנ״ל, יין זה שנגע בו גוי אף שידוע שלא נסך אותה לע״ז מיד שנגע בו נטמא ואסתאב והנפש הנוגעת בו תטמא מיד בעולם העליון ולית לי׳ חולקא בההוא עלמא. ובעוה״ר רבים בני תמותה אינם שמים על לב להיות זהירין בזה, ולאיזה קצת חולה, אף שיש יין כשר בעיר, שותים סתם יינן בשביל שהוא יותר חזק וחסון, ולא חסים על נפשם היקרה לאבד בשביל זה חלקם בעה״ב, והי׳ החסון לנעורת, נעור וריק מעה״ב מכל וכל ר״ל. ודי בהערה זו. (מס׳ יסוד ושורש העבודה).

העתקת הזוהד ללשון הקודש: בוא וראה, כל מי שאוכל מאלו מאכלות האסורים, מתדבק בצד האחד, ומתעב נפשו וגופו, ודוח הטמאה שודה עליו, ומראה עצמו שאין לו חלק באל העליון, ואינו בא מן הצד שלו, ואינו דבוק בו. ואם יוצא כך מעולם הזה, נאחזים בו כל אלו האחוזים בצד הטומאה, ומטמאים אותו, ודנים אותו כאדם שהוא מתועב מאדונו, מתועב בעולם הזה ומתועב בעולם הבא, ועל כן כתוב ״ונטמתם בם״ בלא אלף, כי לא נמצא רפואה אל החיעוב שבו, ואינו יוצא מטומאתו לעולם. אוי להם, אוי לנפשיהם, שלא יתדבקו בצדוד החיים לעולם, כי נטמאו, או לגופם, עליהם כתוב: ״כי תולעתם לא תמות וגו׳ והיו דראון לכל בשד וגו׳״ ...דבי יוסי פתח ואמד: ״כל עמל אדם לפיהו וגו׳״. המקדא הזה נאמר על השעה שדנים לאדם בעולם ההוא, שכל הדין ההוא וכל מה שסובל

דהיינו: **נדוי, חרם און שמתא,** גאָר האַרבע שטראָפן, אויף די מענטשן וואָס פאַבריצירן דעם וויין, אַז פון דער מינוט וואָס דער וויין האָט אָנגעהויבן זיך אַריינגיסן אין וויין-קעלער, אויב עס וועט דאָרט אָנרירן אַ גויאישע האַנט, וועט דער וויין זיין אַ איסור גמור.

**דער פליכט אויף די רבנים און דיינים נישט צו געבן קיין "כתב-הכשר" ביז זיי זענען זיכער אַז דער וויין איז כשר אָן צווייפל**

**ד. על כן,** דעריבער דאַרף מען זייער אַכטונג געבן מען זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אין די עבירה, און דער פליכט ליגט אויף די רבנים און דיינים נישט צו געבן אַ כתב-הכשר - אַ כשרות-צייגעניש - ביז זיי וועלן זיין הונדערט פראָצענט זיכער אַז דער וויין איז כשר אָן צווייפל.

**"נס"ך" מיינט: נ- נשים; ס - סוסים; כ - כסף.**

**ה. והנה,** דער סוד פון יין-נסך איז אַ וואָרענונג, וואָס השם-יתברך האָט אָנגעזאָגט דריי מצוות צום מלך פון אידן: "לא ירבה לו נשים, ולא ירבה לו סוסים, ולא ירבה לו כסף" (דברים יז, טז-יז), ווייל די ראשי-תיבות פון "נס"ך" מיינען: **נ-** נשים, **ס** - סוסים, **כ** - כסף. און דאָס זענען די דריי זאַכן וואָס דער מלך פון אידן איז געוואָרנט אויף דעם נישט צו מערן זיי, און אַוודאי געוויס אַז אַלע אַנדערע אידן זענען געוואָרנט נישט צו מערן קיין פרויען, פערד און געלט, וואָס זענען זייער האַרב, ווי פריער דערמאָנט.

---

בעולם ההוא, שנוקמים ממנו נקמת העולם, [כל זה הוא] **"לפיהו" - בגלל פיו, שלא שמר אותו וטמא את נפשו, ולא התדבק בצד החיים בצד ימין. "וגם הנפש לא תמלא" - לא תשלים דיניה לעולם ולעולמי עולמים, דבר אחר: "לא תמלא" - לא תהא נשלמת לעולם לעלות למקומה, משום שנטמאת והתדבקה בסיטרא אחרא. רבי יצחק אומר: כל מי שנטמא בהם, כאלו עובד עבודה זרה, שהוא "תועבת ה'".**

## ווער עס טרינקט אַפילו אַ קליין ביסל יין-נסך אין שענקען און קאַפע-הייזער פון גויים, ווערט ער געשטרויכלט אין עריות אויך

**ו. והנה,** אַ סך מענטשן ווערן געשטרויכלט אין איסורי עריות, צוליב דעם וואָס זיי טרינקען צופיל וויין. וויסן זאָלסטו, אַז דער וואָס טרינקט יין-נסך אין די שענקען און קאַפע-הייזער פון די גויים, אפילו אַ קליין ביסל, וועט ער געשטרויכלט ווערן מיט איסורי עריות[ה], ווייל ״עֲבֵירָה גּוֹרֶרֶת עֲבֵירָה״ - (אבות פרק ד, משנה ו) איין עבירה ציט מיט אַ צווייטע עבירה, און ער איז עובר אויף דעם איסור פון ״לא ירבה נשים״ ער פירט זיך אויף אַזוי ווי די פערד, ווייל דער ענין עריות איז גלייך צו אַ מעשה בהמה (אומבאַרעכנט וואָס דער סוף וועט זיין), ווי אונזערע חכמים זכרונם לברכה זאָגן אין מסכת סוטה (דף יד, ע״א).

## צוליב די גלוסטונג איסורי עריות קומט דער מענטש צו אַ מצב, אַז ער האָט נישט קיין געלט אַפילו אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט

**ז. ולפי זה,** לויט דעם, איז דער וואָרט ״יֵין-נֶסֶך״ אַ גרויסער אָנוואונק, אַז ווער עס טרינקט יין-נסך, וועט עובר זיין אויפן לאַו פון ״לֹא יַרְבֶּה לוֹ נָשִׁים״, און אויך אויפן לאַו ״לא ירבה לו סוסים״, און צוליב דעם וועט ער נאָכער קומען צו אָרעמקייט, גרויס אָרעמקייט, ממש ער זאָל נישט האָבן אויף אַ שטיקל ברויט, ווי עס שטייט אין פסוק (משלי ו, כו): ״בְּעַד אִשָּׁה זוֹנָה עַד כִּכַּר לָחֶם״ - צוליב די גלוסטונג צו פרעמדע פרויען, וועט ער קומען צו אַ מצב, ער זאָל נישט האָבן קיין געלט אויף צו קויפן אַ שטיקל ברויט. ממילא וועט ער שוין נישט עובר זיין אויפן ״לא ירבה לו כסף״ - ווייל ער וועט נישט האָבן.

---

ה) מובא בספר שמחת הרגל על מגילת רות, כי מלך ספרד אחד קרא לחכמי ישראל וגזר עליהם אחד משלש, או לאכול חזיר או לשתות יין נסך, ובחרו לשתות יין של נכרים, באומרם שהוא רק איסור דרבנן. וישתו וישכרו עמו ואח״כ הביא לפניהם מאכלות אסורות ויאכלו וישבעו מאוד. ואח״כ הכשילם באיסורי עריות. ויהי בבוקר כאשר פג יינם מעליהם אז ראו את כל הנבלה אשר עשו ובשלשתם לקו ומתו באותו שנה במיתה משונה ר״ל. (ועי׳ אבות דר״נ פ׳ ט״ז אות ב׳ מעשה דר״ע וכו׳).

**נֶסֶ״ך** זיינען די ראשי-תיבות פון: **נ** - נשים; **ס** - סוסים; **כ** - כסף. דעריבער זאָל זיך אַ מענטש דערווייטערן פון דעם זינד[ו].

**ווער עס טרינקט יין נסך ווערט מגולגל און אַ אייזל...**

**ח. ושמעתי,** איך האָב געהערט פון מיין רבי, מיין פאָטער דער גאון ז״ל, וואָס ער האָט געהערט פון דעם הייליג מויל, פון גאון ר׳ יעקב העמעדליש ז״ל, אַז ווער עס ווערט נכשל אין דעם איסור פון יין-נסך, וועט מגולגל ווערן אין אַן אייזל, ווייל דער אָפּטייטש פון וויין אין אַראַמ״יש איז ״חמר״, און ״חמר״ מיינט אויך אַן אייזל.

---

ו) וסתם יינם פשתה המספחת בכמה מקומות ריש מההמון רבים שתו בפרהסיא, וגדולי הדורות הפליאו להזהיר על זה וכמה גאונים החרימו ע״ז, מרן ובית דינו, ובית דין הגדול שבשלוניקי וטורקיא, והגאון מהר״ר ליווא נשאו נהרו״ת קולם לבזויי ולאלטויי ובגזירת חרם, וכמו שבאו דברים בדפוס בספר יין המשומר. ואמרו בזוה״ק דמי ששותה סתם יינם מאבד עולמו ואינו זוכה לעוה״ב. ומלבד איסורו דחמיר השותהו נלכד בחרם גאוני עולם רחמנא לצלן. (מס׳ לב דוד להחיד״א זלל״ה פרק ט״ז).

## ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דעם איסור, איז הייליג און מקען אים רופן קדוש[ז]

**ט. על-כן,** דעריבער דאַרף מען זען זיך אָפּצושיידן פון יין-נסך און בראָנפן וואָס ווערט געמאַכט פון יין-נסך, וואָס דאָס איז אויך אַזוי ווי יין-נסך. און ווער עס שיידט זיך אָפּ פון דעם איסור, איז הייליג[ח] און מקען אים רופן קדוש.

❖❖❖

---

ז) **קונטרס גדול הכתוב על קלף שיסד המהר"ל מפראג זי"ע**

בספר אלף כתב כתב, וז"ל: כאשר זכיתי להיות על קבר מאה"ג הכהן הגדול הש"ך זי"ע בהעלישויא, ראיתי שם בקונטרס גדול הכתוב על הקלף משנות קדם, והוא קונטרס הבי כנישתא קדישתא עתיקא בשם, מי שבירך שיסד המהר"ל מפראג זיע"א לברך הנזהרים מיין נסך ויעתק פה:

מי שבירך מיוחד לנזהרים מיין נסך

"מי שבירך אבותינו אברהם יצחק ויעקב, הוא יברך את כל החסידים והפרושים הנזהרים במצוות שנצטוו ישראל, הוא יברך וירומם וינשא למעלה, את כל איש ואשה הנזהרים ביין שאסרו חכמים, בשכר המצוה הזאת יתן להם הקב"ה בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות ומורי הוראות בישראל, ויזכו לרב טוב הצפון לצדיקים ולייז הק' המשומר לעתיד לבוא, ולא יבוא מכשול וחטא ותקלה על ידם, וישאירם ויחיים ויצילם מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה, ויאריך ימיהם ושנותיהם עד עולם עם כל ישראל אחיהם ונאמר אמן".

על החלונות דביהכ"נ הקדוש ההוא אשר הם בגובה מאוד לקחתי סולם ועליתי לשם להביט ולראות האותיות החקוקים אצל כל חלון, ושם רשומים ר"ת על תיבת שמ"ע וכך כתוב שם:

<u>חלון א' לימין מזרח</u>. ש'די מ'לך ע'ליון. <u>לצד צפון</u>. א', ש'חרית מ'נחה ע'רבית. ב', ש'וכן מ'רום ע'ולם.

ג', ש'עה מ'פלל ע'דתך. <u>ערב</u> א', ש'לח מ'שיח ע'ני. ב', ש'כלל מ'קדש ע'ירך.

ח) בספר מדרש תלפיות אות י' כתב בשם ספר טעמי המצות וז"ל: ראיתי אנשי מעשה שהיו מחמירים על עצמן שאפילו בראיית העכו"ם את היין לא היו רוצים לשתותו, אע"פ שלא נגע בו הערל כיון שנתן בו עינו אין בו סימן ברכה, ומנהג ותיקין הוא. (טעמי המנהגים עמור קלר).

## הוספה

## מיר ברענגען דא עטליכע אויסצוגען דרכי תשובה (קכ"ג סק"ח) וועגן די הארבקייט פון גוי"ש וויין.

א. אין ספר בית לחם יהודה שטייט אז גוי"ש וויין דארף מען מער מחמיר זיין ווי אנדערע איסורים, ווייל מענטשען נעמען עס גרינג, און א מענטש גליסט צו וויין.

ב. דער חיד"א אין ספר שיורי ברכה שרייבט זייער שארף אויף די וועלכע טרינקען גויש וויין דהיינו: 1) ער איז חייב מיתא פונקט ווי יעדער וואס האלט גרינג איסורי דרבנן (עי' ברכות ג:). 2) ער פארלירט זיין עולם הבא (זוה"ק שמיני). 3) ער ווערט מגולגל אין א אייזעל, ווי די גדולי אשכנז האבען מקובל. 4) זיי ווערן פארכאפט אינעם חרם פון די גדולי הדור מהריט"ץ, ראנ"ח, של"ה, מהר"ש אבוהב. (זעה קב הישר (פרקים טו, טז, לד), די ערנסקייט פון זיין אין חרם).

ג. אין ספר שו"ת הרמ"ז (סימן מ"ט) ווארענט ער זייער שארף געגן סתם יינם כל שכן על פי סוד. ס'איז קיין ספק נישט אז אויב די וועלכע זענען מיקל ביי סתם יינם וואלטען געוויסט וואס שטייט אין זוהר הקדוש שמיני ווי גרויס ס'איז דער חטא און דער פגם אין די עולמות עליונים וואלטען זיי נישט מיקל געווען[ט].

ד. דער חכמת אדם (כלל ע"ה ס"א) שרייבט: אז דער איסור פון סתם יינם כאטש מענטשן נעמען עס לייכט ווי אלע איסורי דרבנן, באמת איז דאָס זייער א הארבער איסור[י], און דער וואס טרינקט גוי"ש וויין רייסט

---

ט) עיין במקדש מלך פרשת שמיני.

י) שתיית יין נסך וגם סתם יינם הוא איסור חמור מאוד, והעובר על זה ושותה, עוקר נשמתו ממקום שנשרש בו בקדושה ביין המשומר בענביו, ואין לו חלק לעולם הבא. ומי ששתה יין נסך בשוגג, יש אומרים שיתענה חמשה ימים נגד חמשה פעמים גפן הכתובים בתורה ויתכפר לו. ואם שתה ואחר כך פלטו, אין עליו חטא. וראה מה שכתוב בחכ"א (כלל ע"ה ס"א), והאריכו מאוד בעונש זה המקובלים, ונתחבר ע"ז ספר מיוחד הנקרא יין המשומר, והקורא בו תסמר שערות בשרו מגודל העונש, וכתבו שקבלה בידם שהשותה סתם יינם יכשל בודאי לבעול ארמית, כמו שגזרו חכמים יינם משום בנותיהם,

אויס די נשמה פון די קדושה און פאלירט זיין עולם הבא. די האר פון מענטש שטעלן זיך אויף, זעהנדיג אין ספר יין המשומר די גרויסע שטראף פאַר דעם.

ס׳ איז מקובל, אז דער וואס טרינקט גוי״ש וויין, וועט נכשל ווערן מיט די האַרבסטע עבירה. דערפאר זאל יעדער זייער געווארענט זיין און זיך היטען די נשמה וועט ער זוכה זיין צו עסען פון סעודת לויתן, און יין המשומר.

ה. אין פרקי דר׳ אליעזר (פמ״ז) שטייט, פנחס האָט ארויסגעגעבן א חרם מיטן סוד פון שם המפורש און מיטן כתב פון די לוחות מ׳זאל נישט טרינקען גוי״ש וויין.

צום אויספיר: דעריבער פירען זיך ערליכע אידען מדקדק און מחמיר זיין צו טרינקען וויין וועלכע ווערט געמאכט בתכלית הכשרות. טייל זענען מחמיר צו מאכען היימישע וויין וועגן דעם.

## א מורא׳דיגע מעשה פון בעל שבט מוסר, און די געוואַלדיגע זכותים פון אַ מזכה הרבים.

איך האָב זיך באַטייליגט אין אַ לוויה, אין דאָרטן געטראָפן דעם חכם ר׳ נתן סאַלם יצ״ו. ער האָט מיר דערציילט וועגן רבינו אליהו הכהן זצ״ל, (בעל מחבר ספר שבט מוסר, מדרש תלפיות ועוד), וואָס ער פלעגט דרשנען יעדען שבת נאָך מיטאָג אין זיין שול. האָט איינמאָל געטראָפן, דאָס ער איז פאַרשלאָפן און די הויז מענטשן האָבן אים נישט געוואָלט אויפוועקן, כאָטש קהל האָט געוואַרט אויף אים, ביז די

---

ובספר הזכרונות מהחסיד ר״ד שמואל אבוהב מאריך ג״כ בעונשו, ולכן כל אדם יזהר בזה מאוד לנפשו ויזכה לסעודת לויתן וליין המשומר עיי״ש. ועיין בשיורי ברכה אות ב׳ שהפליג מאוד בעונש המקיל לעצמו לשתות סתם יינם, דמלבד העובד על דברי חכמים חייב מיתה, בר מן דין דאין לו.חלק לעוה״ב, כמ״ש בזוה״ק פרשת שמיני, ומתגלגל בחמור כאשר קבלו גאוני אשכנז, עוד בה שנלכדים בחרם גאוני עולם רבותינו גדולי הדורות המהריט״ץ והראנ״ח והשל״ה ומהר״ש אבוהב עיי״ש.

עיין בהגהות וחידושים מבעל ישמח משה (שנדפס בסוף השו״ע) שכתב מלשון הרמ״א משמע דרך ביין נסך ולא סתם יינם, אבל בקיצור של״ה הל׳ תשובה כתב זאת על סתם יינם והוא סותר לרמ״א עיי״ש.

צייט פון דער דרשה איז אַריבער. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף איז שוין געווען שפּעט, האָט ער זיך זייער געערגערט.

ר' אליהו האָט געטראַכט און געזוכט אַן עצה ווי אַזוי אָפּצוגעבן די דרשה. מוצאי-שבת נאָך הבדלה האָט ער גענומען אַ פעדער מיט פּאַפּיר און אָנגעהויבן שרייבן וועגן די גוטע פּעולות וואָס אידן טוען אום שבת, פון אינדערפרי, ווען זיי שטייען אויף פון שלאָף, ביז מוצאי-שבת. ער האָט זיך פאַרטיפט מיטן שרייבן אַ גאַנצע נאַכט. ווען ער האָט געענדיגט שרייבן, איז שוין געווען ליכטיג, האָט ער גענומען אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אַריינגעלייגט אין קעשענע און געגאַנגען דאַווענען.

ר' אליהו פלעגט פאַרברענגען אין שול, אַפילו שוין נאָכן דאַווענען, זייער לאַנג. ווען ער איז שוין געגאַנגען אַהיים, האָט ער באַגעגנט אויפן וועג אַ גרויסע לוויי', און געהערט ווי מ'איז מספּיד דעם נפטר מיטג רויסע שבחים, און דער ספדן איז געווען אַ גרויסער מענטש - אַ ירא חטא - האָט ער ביי זיך געטראַכט, בוודאי איז דער מת אַ צדיק, האָט ער אַרויסגענומען אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן ביינאַכט און אַריינגעלייגט אין דער האַנט פון נפטר, און אַזוי האָט מען אים קובר געווען מיט די כתבים.

ביינאַכט נאָך דער לוויי', חלומט זיך ר' אליהו'ן, אַז עס קומט צו אים אַ מענטש און וועקט אים אויף. זיין פּנים האָט געפלאַמט ווי אַ פייער, און זאָגט אים: איך בין דער מענטש וואָס מ'האָט נעכטן מספּיד געווען, און דו האָסט מיר אַריינגעלייגט אין מיין האַנט די כתבים וואָס דו האָסט געשריבן מוצאי-שבת. איידער מ'האָט מיך געברענגט פאַרן בית-דין-של-מעלה, איז אַלץ געווען טונקל פאַר מיר, ווייל איך האָב געזען פאַר מיר טויזנטער משחיתים, וואָס האָבן מיך געוואָלט כאַפּן און צערייסן אויף שטיקער, אָבער דער שמש פון בית-דין-של-מעלה

פלעגט זיי פאַרטרייבן מיט אַן אויסריף: ״רירט אים נישט אָן ביז נאָך דעם פסק-דין.

דער נפטר איז אַזוי ממשיך אין חלום: ווען איך בין שוין אַריינגעקומען אין זאַל פון בית-דין-של-מעלה, איז דאָרטן געשטאַנען אַ לאַנגער טיש אַרום אים זענען געזעצן אַלטע לייט. זיי האָבן מיך געפרעגט:

- וואָס האָסטו אין דיין האַנט?

האָב איך געענטפערט איך ווייס נישט. אַ געוויסער חכם - אַ צדיק, האָט דאָס מיר אַריינגעלייגט אין מיין האַנט.

ווען זיי האָבן עס גענומען באַטראַכטן וואָס שטייט דאָרט, איז דער גאַנצער זאַל געוואָרן פול מיט גרויס ליכטיקייט, האָבן זיי געזאָגט: דאָס איז די שריפט פון דעם צדיק ר׳ אליהו הכהן, דער מזכה הרבים. דורכלייענענדיק די שריפטן האָבן זיי געזען, אַז אַלץ איז נאָר וועגן די זכותים פון אידן, האָבן זיך אַלע זקנים צוזאַמען מיט דער פמליא של מעלה זייער געפרייט, און האָבן צו אים געזאָגט: וויבאַלד דו האָסט זוכה געווען צו זיין דער שליח פון דעם צדיק, פטור פון אָפּגעבן דין-וחשבון פאַר אונז, ״ווייל שלוחי מצוה אינם נזוקים״ - ווייל שלוחי מצוה ווערן נישט געשטרויכלט. און אַ בת-קול האָט אויסגערופן: מאַכט פאַר אים אויף די טויערן פון גערעכטיקייט.

דער נפטר זעצט פאָר: איך געפין זיך איצט אין גן-עדן, נאָר אין דיין זכות, און מיין קומען צו דיר איצט מיט די בשורה טובה איז, דו זאָלסט זיך שטאַרקן און אָנשטרענגען מיט דיינע אַלע כוחות דעם קומענדיקן שבת און איבערגעבן ברבים די דאָזיגע געשעעניש.

❖ ❖ ❖

# פרק ע״ו

## אין לשון הקודש

**יבואר בו: חומר האיסור של יין נסך, והחיוב המוטל על הרבנים שבמדינות שלא ליתן כתב הכשר, עד שידעו בבירור שנעשה היין בכשרות * ״נסך״ הוא ראשי תבות: נשים, סוסים, כסף, והרמז בזה * התרגום של יין הוא חמר, לרמז שכל מי שנכשל בעוון יין-נסך יתגלגל בחמור.**

א. אסור יין-נסך הוא ידוע ומפורסם, שמשה רבנו ושבעים זקנים שבדורו גזרו על סתם יינם של נכרים, כדי שלא יבואו ישראל לידי עריות, כמו שחטאו בשטים במעשה זמרי (במדבר כה, א), שנהרגו מחמת חטא זה עשרים וארבעה אלף מן ישראל (שם, ט). ובעלי המקובלים החמירו באסור זה והפליגו בעונש מי ששותים סתם יינם.

ב. והנה רוב מדינות הללו, במקום שעושין יין, הן מקילין בשתיית יין נסך, ולא עוד אלא שהן מוכרין סתם יינם לשארי אנשים כשרים שבישראל במקום יין כשר, וגורמין רעה גם לאחרים, וחטא הרבים תלויין באנשים החטאים האלה בנפשותם.

ג. על כן מוטל על הרבנים ודיינים שבמדינות לגזור בגזרות נח״ש על אותן האנשים שעושים יין, שמשעה שהתחיל היין למשוך אל תוך הבור, אם יהיה שם מגע נכרי, אז היין הוא אסור גמור.

ד. על כן צריכין שמירה מעולה לבלתי להכשל בעוון זה, ועל הרבנים הוא מוטל שלא ליתן כתב הכשר, עד שהוא יודע בבירור שנעשה היין בהכשר.

ה. והנה סוד יין נסך הוא אזהרה שצוה הקדוש ברוך הוא שלש מצוות למלך, וצוה (דברים יז, טז-יז): ״לא ירבה לו נשים, ולא ירבה לו סוסים, ולא ירבה לו כסף״, כי ראשי תיבות נס״ך הוא: נשים, סוסים, כסף. והן הן שלשה דברים שהמלך הוא מוזהר שלא להרבות, ומכל

שכן שאר בני אדם, שהן מוזהרים שלא להרבות נשים, סוסים, כסף, שהן ראשי תבות נס״ך.

ו. והנה בחטא נשים, הרבה בני אדם הן נכשלים. ודע, כי מי שהוא שותה יין נסך בבית האשפיזות של ערלים, הוא נכשל גם כן בעוון נשים זרות, כי עברה גוררת עברה (אבות פרק ד, משנה ו), והוא עובר על לאו ״לא ירבה נשים״, והוא נוהג כסוסים שהן שטופי זמה, כמו שאמר הכתוב (יחזקאל כג, כ): ״וזרמת סוסים זרמתם״, והוא מעשה בהמה, כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה בסוטה (דף יד, ע״א): היא עשתה מעשה בהמה, לפיכך הביאה הסוטה קרבן של קמח שעורים, ושעורים הוא מאכל בהמה.

ז. ולפי זה רמז גדול הוא במלת יין נסך לרמז, מי שהוא שותה יין נסך - אזי עובר על לאו ״לא ירבה לו נשים״, ולא ירבה לו זרעו כסוסים, ואחר כך יבוא לידי עניות ודלות ממש עד ככר לחם, כמו שאמר הכתוב (משלי ו, כו): ״בעד אשה זונה עד ככר לחם״, וממילא ״לא ירבה לו כסף״, כי נס״ך הוא ראשי תבות: נשים, סוסים, כסף. על כן יראה האדם להתרחק מעון זה.

ח. ושמעתי מפי מורי הגאון אבי ז״ל, ששמע מפי הקדוש הגאון רבי יעקב תעמרליש ז״ל, שכל מי שנכשל בעוון יין נסך, על כרחו אחר כך יהיה מגולגל בחמור, כי לשון נופל על לשון, כי תרגום של יין הוא ״חמר״.

על כן יראה האדם ויפריש עצמו מאיסור יין נסך ומיין שרף שעושים משמרים של יין נסך, שהוא גם כן אסור כמו יין נסך. וכל הפורש מאסור זה, נקרא קדוש, וקדוש יאמר לו.